**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט WHOOP UCI MOUNTAIN BIKE WORLD SERIES ביציקל פארמעסט קומט צו ניו יארק'ס נארט קאנטרי ראיאן**

***אינטערנאציאנאלע UCI מאונטעין בייק פארמעסט וועט ברענגען די בעסטע ביציקליסטן צו די עדיראַנדעק בערג אין לעיק פלעסיד פון סעפטעמבער 27-29, 2024***

***פאלגט נאך 550 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו מאדערניזירן אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט איינריכטונגען און אנדערע ספארטס אינפראסטרוקטור אין לעיק פלעסיד — היים פון די 1932 און 1980 ווינטער אלימפישע פארמעסטן***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס 123 ביליאן דאלארדיגע טוריזם אינדוסטריע***

***טיקעטס הויבן אן פארקויפט ווערן מארגן — טיקעטס וועלן זיין צו באקומען [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז לעיק פלעסיד וועט אפהאלטן א רונדע פון די WHOOP UCI (אינטערנאציאנאלע ביציקליסטן פאראיין / Union Cycliste Internationale) Mountain Bike World Series – די וועלט'ס מערסט פראמינענטע מאונטעין בייק פארמעסט – צום ערשטן מאל אין סעפטעמבער 27-29, 2024. ווערנדיג נאכגעפאלגט דורך טויזנטע געטרייע אנהענגער, וועט די WHOOP UCI Mountain Bike World Series ברענגען די בעסטע פראפעסיאנאלע מאונטעין בייקערס אין די וועלט צו לעיק פלעסיד זיך צו פארמעסטן אין דריי UCI מאונטעין בייק אלוועלטליכע פארמעסטן: די UCI Cross-country Olympic, UCI Cross-country Short Track און די UCI Cross-country Marathon.

די אנאנס פאלגט נאך מער פון 550 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען אין איינריכטונגען פון די אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט (Olympic Regional Development Authority) צו רענאווירן ניו יארק'ס ספארטס אינפראסטרוקטור, און עס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן די סטעיט'ס 123 ביליאן דאלארדיגע טוריזם אינדוסטריע. טיקעטס פאר די דריי מענער'ס און פרויען'ס פארמעסטן פון די געשעעניש וועלן אנהויבן פארקויפט ווערן פון מארגן, מערץ 6.

"די WHOOP UCI Mountain Bike World Series איז אונזער קומענדיגע גרויסע טשאנס צו ווייזן פאר די וועלט וואס די נארט קאנטרי האט צו פארקויפן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דעם סעפטעמבער וועלן טויזנטע ספארטסלער און בייזשויער פון ארום די וועלט שטרומען קיין לעיק פלעסיד צו געניסן פון אונזערע אטעם-פארכאפנדע פאנאראמעס, ערשט-קלאסיגע ספארטס איינריכטונגען, לעבהאפטיגע ביזנעסער און ערשט-קלאסיגע רעסטוראנטן. ניו יארק סטעיט בויט אויף א גאנץ-יאריגע

דעסטינאַציע אין די נאָרט קאַנטרי, און איך מוטיג ניו יאָרקער און באַזיכער צו קויפן זייערע טיקעטס און זיין אַ טייל פון די היי-יאָריגע פייערונגען."

מאונט ווען האָוועננבערג אין לעיק פּלעסיד איז איינס פון 15 סטאַנציעס אין די סעריע פון פאַרמעסטן וואָס שפּרייט זיך אויס איבער צען לענדער אויף דריי יבשות, זיך אנהויבנדיג מיט צוויי סוף וואָכן פון 'קראָס-קאָנטרי' פאַרמעסטן אין בראַזיל — אום אַפּריל 12-14 אין מאַיריפּאָרע און אום אַפּריל 19-21 אין אַראַזשאַ. די סעריע זעצט פאָר ביז די ערשטע סוף וואָך פון אָקטאָבער מיט די טראַדיציאָנאַלע פאָרמאַטן פון 'קראָס-קאָנטרי' און אַראָפּ די באַרג, און אַזוי אויך פאָרמאַטן וואָס זענען ניי צו די סעריע, ווי צום ביישפּיל 'קראָס-קאָנטרי מאַראַטאָן', 'ענדוּראָ' און עלעקטרישע 'אי-ענדוּראָ'.

אין צוגאָב וועט די אָלימפּישע אויטאָריטעט אַריינגיין אין אַ דריי-יאָריגע אָפּמאַך מיט .Warner Bros Discovery Sports – די גלאָבאַלע 'פּראָמאָוטער' וואָס איז אַחריות צו אויפשפּילן, אַדווערטייזן און אָרגאַניזירן די WHOOP UCI Mountain Bike World Series – צו אָפּהאַלטן די פאַרממעסטן און העלפן פאַרגרעסערן דעם פעלד אַריבער די וועלט. אַלע 16 סוף וואָכן פון פאַרמעסטן פון די WHOOP UCI Mountain Bike World Series וועלן אויפגעשפּילט ווערן אויף די B/R Sports צענטער אויף די Max אויפשפּילונג סערוויס אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

מאַונטעין בייקינג איז אָנגעקומען צו די אָלימפּיקס צום ערשטן מאָל אין 1996 ביי די פאַרמעסטן אין אַטלאַנטאַ, און עס איז געווען אַ טייל פון דעם אָלימפּיקס פּראָגראַם ביי אַלע זעקס זומער פאַרמעסטן זינט דאַן, מיט מענער'ס און פרויען'ס 'קראָס-קאָנטרי' אָלימפּישע פאַרמעסטן. די 2024 WHOOP UCI Mountain Bike World Series וועט נעמען אַ לענגערע הפסקה אינמיטן דעם סעזאָן דורכאויס די אָלימפּיקס פאַרמעסטן אין פּאַריז וואָס וועלן פאָרקומען פון יולי 26 ביז אויגוסט 11. די סעריע וועט זיך צוריק אָנהויבן אום סעפּטעמבער 6-8 מיט פאַרמעסטן אַראָפּ די באַרג און 'ענדוּראָ' אום סעפּטעמבער 6-8 אין לוּדענוויל, פראַנקרייך, נאָכגעפאָלגט דורך די 'קראָס-קאָנטרי' פאַרמעסטן אין לעיק פּלעסיד און די לעצטע פאַרמעסט פון דעם סעזאָן אין מאָנט-סעין-ען, קוויבעק אום אָקטאָבער 4-6.

**אָלימפּישע אויטאָריטעט פּרעזידענט און CEO, עשלי וואָלדען, האָט געזאָגט,** "מיר זענען באַגייסטערט ביז גאָר צו אַריינברענגען אַ מאַונטעין בייק פאַרמעסט פון אַזאַ פאַרנעם צו לעיק פּלעסיד צום ערשטן מאָל. דאָס איז אַן אייגנאַרטיגע געלעגנהייט פאַר אונזערע ספּאָרטס פּלעצער וואָס זענען היסטאָריש געווען קאָנצענטרירט אויף ווינטערדיגע אַקטיוויטעטן. די לעצטיגע מאָדערניזירונגען האָבן ערמעגליכט פאַר די אָלימפּישע אויטאָריטעט צו אויסברייטערן אונזערע אָפּעראַציעס צו אַקאָמאָדירן פּראָמינענטע געשעענישן און טרענירונג דורכאויס די גאַנצע יאָר אַזוי ווי מיר הויבן אָן אַ נייע קאַפּיטל וואָס וועט יעצט אַריינרעכענען אַ זומערדיגע אָלימפּישע ספּאָרט."

**Warner Bros. Discovery Sports וויצע פּרעזידענט פאַר ביציקל געשעענישן, קריס באָל, האָט געזאָגט,** "נאָך אַ היסטאָרישע 2023, בין איך שטאָלץ צו באַגרוסן סיי אייקאָנישע ספּאָרטס פּלעצער און סיי נייע דעסטינאַציעס צו די WHOOP UCI Mountain Bike World Series 2024 לוח. אין די גרעסטע אויסברייטערונג פון אינטערנאַציאָנאַלע מאַונטעין בייק פאַרמעסטן אין פילע יאָרן, וועלן זעקס נייע ספּאָרטס פּלעצער זיך אָנשליסן אין אַ גאָר ערפאָלגרייכע יאָר, פאַר אַ סך הכל פון 15 סוף וואָכן מיט פאַרמעסטן. אויסברייטערונג אַריין אין דרום אַמעריקע און לאַנג-טערמיניגע אָפּמאַכן אין לעיק פּלעסיד אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, טרענטינאָ אין איטאַליע און האָוט-סאַוואַ אין פראַנקרייך זענען סימנים פון אַ סעזאָן וואָס אָפּפערט מער פאַרמעסטן פון סיי ווען בעפאַר."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט וויצע פּרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון טוריזם, ראָס ד. לעווי, האָט געזאָגט,** "I LOVE NY (איך האָב ליב ניו יאָרק) איז באַגייסטערט צו ענטפאַנגען די WHOOP UCI Mountain Bike World Series צו לעיק פּלעסיד און צו די מאַיאַסטעטישע עדיראָנדעק

בערג. דאס איז א געוואלדיגע צוגאב צו די ברייטע רייע פון פארמעסטן ביי ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע אלימפישע איינריכטונגען. די קילע און ציכטע הערבסט לופט איז געוואלדיגע פאר מאונטעין בייקינג, און די אראפגעפאלענע בלעטלעך וועלן זיין א הערליכע הונטערגרונט פאר די ביציקליסטן און ביישויער. מיר לאדענען איין איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו קומען און באקומען די ערפארונג פון די WHOOP UCI Mountain Bike World Series און געניסן פון אלע פון די ערשט-קלאסיגע אטראקציעס, געסטהייזער און רעסטוראנטן וואס זענען דא אריבער די עדיראַנדעקס וואס מאכן עס גרינג צו ליב האבן ניו יארק דורכאויס אונזער הערליכע הערבסט סעזאן."

<u>**גאווערנער האוקעל'ס שטיצע פאר טוריזעם אינדוסטריע**</u>

גאווערנער האוקל האט אנגעהאלטן א שטארקע פארשפרעכונג צו שטיצן ניו יארק'ס טוריזעם אינדוסטריע - איינס פון די סטעיטס שליסל עקאנאמישע טרייבערס. ניו יארק סטעיט האט אריינגענומען א רעקארד-הויכע צאל פון 291.5 מיליאן באזיכער אין 2022, די גרעסטע צאל באזיכער אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע, אויפטרייבנדיג מער פון 78.6 ביליאן דאלאר אין דירעקט אויסגעגעבענע געלטער און 123 ביליאן דאלאר אין סך הכל השפעה אויף די עקאנאמיע נאכפאלגנדיג היסטארישע אינוועסטירונגען אין טוריזם, עקאנאמישע אנטוויקלונג, דרויסנדיגע פארוויילונג, טראנספארטאציע און אנדערע וויכטיגע סעקטארן.

אלס טייל פון די איבערגעגעבנקייט, האט די גאווערנער געשטיצט באדייטנדע אינוועסטירונגען פון מער פון 600 מיליאן דאלאר אין די איינריכטונגען פון די אלימפישע אויטאריטעט צו העלפן פונדאסנייע אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט אלס א גלאבאלע ווינטער ספארט דעסטינאציע. די אינוועסטירונגען האבן געשטיצט גרויסארטיגע ספארטס געשעענישן ווי די FISU Winter World University Games 2023 וואס זענען אפגעהאלטן געווארן אין לעיק פלעסיד לעצטע יאר. די גרויסארטיגע טראנספארמאציעס און מאדערניזירונגען זענען אויסגעפירט געווארן זיך קאנצענטרירנדיג אויף ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט און פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט. דערצו, האט די פּראמאָוטער און ארגאניזירער פון די געשעעניש, WBD Sports, לעצטנס זיך פארדינט די ISO20121 סערטיפיקאציע פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו ענווייראמענט-פריינטליכע געשעעניש פארוואלטונג. די סערטיפיקאציע באשטעטיגט די געבויטע סיסטעם וואס נעמט אריין ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט אין זייערע געשעעניש פארוואלטונג שיטות.

די אלימפישע אויטאריטעט ספארטס פלעצער רעכענען אריין מאונט ווען האָווענבערג, די Olympic Center, די Olympic Jumping Complex און דריי סקי פלעצער: בעלעיר מאונטעין, גאָור מאונטעין און ווייטפעיס מאונטעין. די איינריכטונגען זענען אפן א גאנץ יאר פאר געשעענישן, אטלעטישע טרענירונג און פארוויילונג, בשעת'ן צושטעלן ערשט-קלאסיגע ערפארונגען און פארמעסטן. אין צוגאב צו די זעקס ספארטס פלעצער אין די עדיראַנדעקס און קעטסקילס, טוט די אלימפישע אויטאריטעט אויך פארוואלטן אויף די לעיק פלעסיד אלימפישע מוזעאום און די לעיק פלעסיד קאנפערענץ צענטער. די ארגאניזאציע איז אויך די אייגנטימער פון די U.S. Olympic and Paralympic Training Center, די U.S. Luge Association איינריכטונג, און די אלימפישע אויטאריטעט'ס ביזנעס אפיסעס, וועלכע געפונען זיך אלע אין לעיק פלעסיד.

דורכאויס די 2022-2023 סעזאן האבן די אלימפישע אויטאריטעט אקטיוויטעטן אויפגעטריבן א דירעקטע עקאנאמישע השפעה אין איין יאר פון 341.8 מיליאן דאלאר — לויט אן עקאנאמישע ווירקונג אנאליז דורכגעפירט דורך Tourism Economics. אין צוגאב האט די אלימפישע אויטאריטעט געשטיצט 3,414 דזשאבס און אויפגעטריבן 25 מיליאן דאלאר אין סטעיט און לאקאלע שטייער איינקונפטן.

טיקעטס וועלן זיין צו באקומען פון מארגן, מערץ 6, אויף די מאונט וועו האָווענבערג וועבזייטל. פאר מער אינפארמאציע איבער די געשעעניש, באזוכט די איבערבליק בלאט וואס רעכנט אריין א דעטאלירטע סקעדזשול און די UCI Mountain Bike World Series וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן